# חנוכּה-געלט

פֿון שלום עליכם, מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער „פֿאָרווערטס", ניו-יאָרק,
1944
(איבערגעזעצט אויף כּלל ייִדיש פֿון ד. גורעוויטשן
רעדאַקטירט פֿון ד"ר דזשעניפֿער דאַולינגען)

ו.

אויב איר קענט זיך פֿאָרשטעלן דעם גיהנום — אָט דאָס איז דעם פֿעטער ביינישס שטוב. ווען איר זאָלט ניט קומען אַהין, טרעפֿט איר אַ ליאַרעם, אַ געשריַי, אַ געפּילדער. ס׳איז דאָרטן אַ שטוב פֿולע מיט קינדער — האַלב נאַקעטע, פֿאַרשמירטע, פֿאַמוזעטע, ניט קיין געצוואָגענע, תּמיד צעשלאָגענע, שטענדיק צעדראַפּעטע, אָפּטמאָל צעבלוטיקטע, מיט סימנים אונטער די אויגן. דער וויינט און דער לאַכט, דער זינגט און דער קוויטשעט, דער הוקעט און דער פּיַפּט, דער האָט אָנגעטאָן דעם טאַטנס קאַפּאָטע מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל און דער פֿאָרט ריַיטנדיק אויף אַ בעזעם, דער טרינקט מילך פֿון אַ קריגל, דער קנאַקט ניסלעך, דער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קעפּל פֿון אַ הערינג און דער סמאָצקעט אַ קאָנפֿעקטל און פֿונעם נעזל רינען ביַי אים צוויי קליינע ריטשקעלעך גליַיך אין מויל אַריַין. די מומע יענטע איז שטאַרקער ווי איַיזן, אַז זי האַלט אויס פֿון דער דאָזיקער „קאָמאַנדע". זי שעלט זיי, זי קנייפּט זיי, ריַיסט זיי אויס אַ שטיקל פֿליַיש. זי קליַיבט ניט איבער: ווער עס כאַפּט זיך אונטער אונטער דער האַנט, דער באַקומט אַ זעץ, אַ טראַסק, אַ בוכענצי אין זיַיט אַריַין. אַ פּאַטש איז דאָרט אַ וואָכעדיקער גאַנג. „וואַרנען זאָלסטו זיך! די כּפּרה זאָלסטו זיַין! פֿאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן!" — דאָס איז פֿון די קליינע קללות; דאָרט קענט איר הערן „קדחת", און „כאָלערע", און אַ „מיתה-משונה" — און דווקא אין גוטן מוט, פּונקט ווי איר זאָגט אַ גוט-שבת! שטיל ווערט נאָר בשעת דער פֿעטער ביניש קומט צו גיין. נאָר מחמת דער פֿעטער ביניש איז אַ פֿאַרנומענער מענטש, זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט און קומט אַהיים נאָר אויף אַ מינוט „אָפּעסן", דערפֿאַר איז ביַי זיי אין שטוב דער אמתער גיהנום

אַריַינגעקומען, האָבן מיר געטראָפֿן עזריעלקען (דעם מיטלסטן) פֿאָרן ריַיטענדיק אויף געצן (אויפֿן עלטערן), און פֿרויקע מיט מענדלען (צוויי נאָך קלענער) האָבן אונטערגעשמיסן געצן, איינער מיט איין אַרבל פֿון אַ וואַטעווען לייבל און דער אַנדערער ציט אַ טאָוול פֿון אַ סידור, אַ חומש, אָדער אַ ספֿר. חיַימל (אַ מיטלסטער צווישן פֿרויקען און מענדלען) האָט דערטאַפּט אַ גערגעלע פֿון אַ געקוילעטער גאַנדז, האָט דאָס אָנגעבלאָזן מיט אַלע זיַינע לעצטע כּחות, ער איז אַזש געוואָרן ברוין און בלוי, און ס׳איז אים געראָטן אַרויסבאַקומען פֿון דעם אַ מין משונה קול, ווי פֿון, להבֿדיל, אַ חזיר, בשעת מע שטעכט אים און ער קוויטשעט... זאַנוועלע (איך ווייס ניט צי איין עלטערער, צי אַ קלענערער) האָט אָפּגעגעבן קאָנצערט אויף אַ קעמל, דודל (אַ קליינער פֿון אַ יאָר פֿיר) האָט אָנגעטאָן די שטיוועלע אויף די הענט און האָט

צוגעקלאַפּט מיט זיי צום טאַקט. סענדערל האָט געטראָגן אַ קעצל אין האַנט, פֿאַרן גורגעלע; דאָס קעצל האָט אַרויסגעשטעלט דאָס צינגעלע, פֿאַרמאַכט די אויגעלעך, אויסגעצויגן די פֿיסעלעך, ווי איינער רעדט: „אָט אַזוי, ווי איר זעט, ווערט מען דאָ פֿאַרשוואַרצט! מע מוטשעט! מע מוטשעט!“... אסתּרל (דאָס עלטערע מיידל) האָט געוואָלט אויסקומען חאַסקין (דאָס קלענערע מיידל), איר פֿאַרפֿלעכטן אַ צעפּל; נאָר מחמת חאַסקיס האָר זײַנען זייער געגרייזלט און שוין לאַנג נישט געקעמט, לאָזט זי זיך ניט, וויינט זי און כאַפּט פּעטש. שטילער פֿון אַלץ איז פּיניעלע, אַ קליין ייִנגעלע מיט קרומע, אויסגעבויגענע פֿיסעלעך און מיט איין אונטערגעשטעקט העמדעלע. איין חסרון נאָר, וואָס ווּ ער שטעלט זיך אַנידער, דאָרט לאָזט ער אַ סימן... דאָס אַלצדינג שטערט אָבער ניט די מומע יענטען, זי זאָל זיך זיצן גאַנץ רויק בײַם טיש מיט צוויי נפֿשות, איינס בײַ דער ברוסט און דאָס אַנדערע אויפֿן שויס, און טרינקען ציקאָריע.

— מיר זאָל זײַן פֿאַר זײַנע ביינדעלעך! — זאָגט זי און טוליעט צו מיט גרויס ליבשאַפֿט דאָס זויגענדיקע נפֿשל צום האַרצן און דערלאַנגט בשעת מעשׂה טאַקע אַ שטורך דעם עלטערן, וואָס אויפֿן שויס: — זע נאָר, ווי דו עסט. עסן זאָלן דיך די ווערעם! אסתּרל, רחצי, חאַסקי ווּ זײַט איר ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָרן? נעם וויש אים אָפּ דאָס נעזל גיכער, וואַש מיר אויס אַ שאָל, איך דאַרף טרינקען אָן אַ שאָל! דערלאַנג אים אַ סטוסאַק, ער זאָל זיך דרײַ מאָל איבערקערן! האַרץ מײַנס, נשמה מײַנע, טרייסט מײַנע! דאָס מויל מאַכט זיך זיי נאָר ניט צו! אַ גאַנץ פֿרימאָרגן נאָר מע עסט, פֿאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן!

דערזען מיך מיט מײַן ברודער מאָטלען, האָבן זיך חבֿרה אַ לאָז געטאָן אַקעגן און מע איז אונדז באַפֿאַלן, ווי די הײשעריקן. דער אויף די הענט, דער — אויף די פֿיס, דער — אויפֿן קאָפּ. חיימל האָט אָנגעבלאָזן דאָס גורגעלע פֿון דער געקוילטער גאַנדז גלײַך מיר אין אויער אַרײַן, און דודל האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט בײַדע שטיוועלעך. פּיניעלע מיטן אונטערגעשטעקטן העמדל האָט זיך אָנגעשטעפּט מיך אין אַ פּוס. אַרומגערינגלעט אים, ווי אַ שלענגל, און אַ מיש-מאַש פֿון פֿאַרשיידענע קולות האָט אונדז גערינצלט, פֿאַרטורקט די אויערן.

— אויף די ציינדלעך זאָלט איר שרײַען! — שרײַט די מומע יענטע פֿונעם אַנדערן חדר. — טויט קען מען ווערן, פֿאַרלייגן זאָל דאָס אײַך! שדים, ניט קײַן קינדער, ברענען זאָל די נשמה אײַערע!

די מומע יענטע שרײַט, און די קינדער שרײַען — אַלע שרײַען. פּלוצעם קומט אָן דער פֿעטער ביניש מיטן טלית ותּפֿילין (אַפּנים, פֿון בית-המדרש). אין איין אויגנבליק ווערט שאַ-שטיל, און די גאַנצע כאַליאַסטרע ווערט פֿאַרשווּנדן.

— אַ גוט מאָרגן אײַך, פֿעטער ביניש! שיסן מיר אויס, איך און מײַן

– וואָס טוט איר דאָ, שקצים? אַוודאַי נאָך חנוכּה-געלט? — מאַכט דער פֿעטער בייניש און נעמט אַרויס און שטעקט אונדז צו זילבערנע גריוונעס.

די כּאַליאַסטרע קינדער קוקן אַרויס פֿון די ווינקלעך, ווי די טאַראַקאַנעס, גלאַנצן אויף אונדז מיט די אייגעלעך, ווי די מײַזלעך, ווינקן עפּעס צו אונדז, באַווײַזן עפּעס מיט די פֿינגערלעך, מאַכן בשעת מעשׂה משוגענע תּנועות, ווילן אונדז, אַפּנים, צעלאַכן, — קוים-קוים וואָס מיר האַלטן זיך אײַן, און מיר אַנטלויפֿן פֿונעם דאָזיקן גיהנום.